
HÄNG MED
SPRÅKTÅGET!
כאַפּט די
שפּראַך באַן!
Jiddisch

לייענען און קוקן אויף ביכער מיט אײַערע קינדער צוזאַמען קען סיי זײַן הנאה׳דיק און געשמאַק – און סטימולירט אויך זייערע שפּראַך און רעדן קענטשאַפט.
בשעת איר לייענט און רעדט וועגן געשעענישן אין דעם בוך, העלפט איר אויך אײַער קינד צו אַנטוויקלען זייער כח הדמיון, און זייערע יכולתן פון קאָנצענטראַציע און קאָמוניקאַציע.



## 1 לייענט צוזאַמען

בשעת מיר שמועסן מיט אַנדערע אַנטוויקלט זיך אונזער שפּראַך.
לאָזט אײַער קינד זײַן אַקטיוו בשעת איר לייענט צוזאַמען, הערט זיך צו זייערע ווערטער און קולות, און קוקט זיך איין צו זייערע תנועות און העוויות. לייענט לויט דער שנעלקייט פון אײַער קינד, גיט אַכט וואָס אינטערעסירט זיי און וואַרט אויף זייער רעאַקציע, אַזוי וועט דער לייענען זײַן באַזונדער ניצבאַר אין אַנטוויקלען די שפּראַך ביי זיי.

## 2 קלויבט אויס ביכער

קלויבט ביכער וועלכע וועלן זײַן אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק פאַר אײַער קינד, און וועלכע פּאַסן דעם שטאַפּל פון אײַער קינדס שפּראַך. אויב איר האָט שוועריקייט אויסצוקלויבן, קענט איר בעטן הילף ביים ביבליאָטעקער.
איר קענט אויסבאָרגן ביכער פון אײַער ביבליאָטעק בחינם.

## 3 מאַכט אַז דער לייענען זאָל זײַן באַקוועם

פּרובירט צו געפינען אַ צייט יעדער טאָג אויף צו לייענען און קוקן אויף ביכער צוזאַמען אין אַ רואיקער אַטמאָספּעריע. זיצט נאָענט איינער צום צווייטן, אין אַן אופן אַז איר זאָלט האָבן סיי גוף און אויגן קאָנטאַקט. מאַכט זיכער איר וועט ניט געשטערט ווערן. מען דאַרף נישט בדווקא אַדורכלייענען דעם גאַנצן בוך פון טאָוול צו טאָוול; פשוט זיצן אינאיינעם און אַדורכבלעטערן דעם בוך, און אַריינשטעלן די זאַכן וועלכע כאַפּן אײַער קינדס אינטערעס איז אַ גוטער וועג צו אַנטוויקלען אײַער קינדס שפּראַך.





## 4 קוקט אויף די בילדער און שטעלט זיי פֿאָר אין אייערע אייגענע ווערטער

אַסאַך מאָל איז עס גרינגער צו כאַפּן אייער קינדס אינטערעס אויב איר זענט מתאר פּאַסירונגען און בילדער אין אייערע אייגענע ווערטער, נוצנדיק דערביי פֿאַרשידנאַרטיקע קולות און תנועות.
נעמט די צייט אויף אָנצואווייזן און שמועסן וועגן די בילדער. דאָס העלפֿט אייער קינד מיטצוהאַלטן מיט דער מעשה, און גיט אים נאָכמער געלעגנהייטן זיך אויסצולערנען נייע ווערטער.

## 5 דערציילט די מעשה צוזאַמען

איר דאַרפֿט געבן אייער קינד אַ געלעגנהייט זיך משתתף צו זיין ווען איר לייענט אינאיינעם; צום ביישפּיל, דורך לאָזן זיי פֿאַרענדיקן ווערטער און זאַצן, און ענטפֿערן שאלות. נעמט די צייט אויף צו באַשטעטיקן און מרחיב זיין אויף דעם וואָס אייער קינד זאָגט. דורך דערויף ווייזט איר אויף ווי אייער קינד קען אַנטוויקלען זיין שפּראַך. ווען איר האָט שוין איבערגעלייענט אַ בוך עטליכע מאָל, וועט אייער קינד מעגליך קענען איבערדערציילן די גאַנצע מעשה לויט וואָס עס טרעפֿט זיך אין די בילדער.



## 6 לייענט, זינגט און דערציילט אין אַלע פֿון די שפּראַכן פֿון אייער קינד

פֿאָרשונגען האָבן אויפֿגעוויזן אַז קינדער וואָס לייענען פֿאַרמאָגן אַ גרעסערן ווערטער־אוצר, און אַז קליינע קינדער קענען לערנען אַפּאָר שפּראַכן בבת־אחת. טאָ לייענט, זינגט און דערציילט מעשיות אין אַלע שפּראַכן וואָס אייער קינד פֿאַרשטייט! דאָס וועט העלפֿן אייער קינדס שפּראַך אַנטוויקלונג.

## 7 רייט ספּראָקטאָגעט

קינדער ביכער העלפֿן אײַך צו העלפֿן אייער קינד אַנטוויקלען פֿאַרשידענע שפּראַך יכולתן ווי פֿאַרשטיין, ווערטער־אוצר, גראַמאַטיק און ריכטיקער אַרויסרייד. אויב איר ווילט עצות וועגן פּאַסיקע ביכער, בעט אין אייער ביבליאָטעק פֿאַר דער לייען־רשימה פֿון ספּראָקטאָגעט!

איר קענט אויסבאָרגן ביכער פֿון אייער ביבליאָטעק בחינם.
ברוכים־הבאים!

ספּראָקטאָגעט (Språktåget), די שפּראַך־באַן, שלאָגט פאָר עצות און טיפּן
ווי צו סטימולירן די שפּראַך פון אַ קינד און וועגן שפּראַך אַנטוויקלונג צו
עלטערן און אַנדערע וועלכע שטייען אין ענגען קאָנטאַקט מיט קינדער.
ספּראָקטאָגעט שטעלט זיך אָפּ ביי געוויסע סטאַנציעס וואו קינדער קענען
אַנטוויקלען פאַרשידענע־ערליי געביטן פון זייער שפּראַך קענטשאַפט.
געוויסע וועלן דאַרפן זיך אָפּשטעלן ביי אַ געוויסער סטאַנציע אַביסל לענגער,
בשעת אַנדערע וועלן דורכרייטן גיכער. אַלע קענען פאָרן אויפן
ספּראָקטאָגעט!

דער לשון־באַן איז אַ קאָאָפּעראַציע צווישן ”ביביליאָטעק־אַנטוויקלונג
יעמטלאַנד העריעדאַלען“, די ביבליאָטעקן, רעד־טעראַפּעווטן, קינדער־
דאָקטירים און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

דער טעקסט איז צונויפֿגעשטעלט פֿון די רעד־טעראַפּעווטן עלווירע אַשבי
און לינעאַ אַנדערבערג, צוזאַמען מיט דער שטאָקהאָלמער רעגיאָן־
ביבליאָטעק.

„געמאָלט דורך MOA GRAAF ©“.

REGION
JÄMTLAND
HÄRJEDALEN